# דײַטשמעריש טויג ניט

מאַקס ווײַנרײַך

אין "יידיש פאַר אַלע" נומער 2 שרײַבט אהרן צײַטלין וועגן דעם וואָרט "פאַרריקט": "מען דאַרף כּלעבן זײַן פאַרריקט נישט צו האָבן קיין מאָל געהערט דאָס וואָרט אויסן מויל פון פּוילישע ייִדן."

זײער אַ האַרבער פּסק און זייער אַ קאַטעגאָרישער. נאָר פון דעסטוועגן שטעל איך אײַן און לאָז וויסן, אַז איך בין אויך פון יענע וואָס פּסלען דאָס וואָרט "פאַרריקט" אין ייִדיש, און אויך דאָס וואָרט "אַלזאָ", וואָס צײַטלין רעקאָמענדירט עס אין דעם אייגענעם אַרטיקל. טאָ לאָמיר זיך פאַרהערן מיט אַנדזערע ראיות.

פון דעם וואָס מען זאָגט איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף זאָגן. אַ בפירושער גרײַז ווערט דאָך אויך נישט געבוירן פריער ווי עמעצער זאָגט אים אַרויס אָדער שרײַבט אים אָן. און פאַראַן נישט נאָר אינדיווידועלער גרײַזן, נאָר אויך קאָלעקטיווע, שטאַרק פאַרשפּרייטע. אַ סך מענטשן זאָגן "יוריסט-קאָנסול" אַנשטאָט "יוריס-קאָנסולט". מאַסן מענטשן זאָגן "פּרעקווענץ" אַנשטאָט "פרעקווענץ". איז וואָס, אחרי רבים להטות?

איך האַלט אויך פון דעמאָקראַטיע, אָבער נישט אויף דעם אופן, אַז מען זאָל כאַפּן אויף טראַף אַ פּאָר מנינים ייִדן און מאַכן בײַ זײ אופן אָרט אַן אָפּשטימונג, און ווי זײ זאָגן, אַזוי זאָל בלײַבן. אַ מאָל פלעגט מען ברענגען פון די מינסקער ייִדנס וועגן: "די דערעוויעס פאַכנען מיט אַ פּרײַאַטנעם זאַפּאַך," און אויב דאָס איז אַ ווולגערישע גוזמא, זײַנען אָבער "גולייען", "קאַטייען זיך", "פּשעקאַנירן זיך" לויט דער פאַרשפּרייטונג געוויס אַ סך גיכער פאָלקסווערטער אײדער "אַלזאָ".
אָבער אונדזער קולטורשפּראַך וועט זיך באַגיין אָן זײ. איך האָב אויך, פּונקט אַזוי ווי אַ. צײַטלין, קיין פּלעביסציטן ניט געמאַכט, נאָר דער שׂכל טראָגט אויס, אַז אַ סך מער פּוילישע ייִדן זאָגן בײַ היינטיקן טאָג "סאַנד" און "סענדזשייע", איידער "גערײכט" און "ריכטער". פון דעסטוועגן, אויב איך קווענקל זיך נאָך, צי "גערײכט" און "ריכטער" זײַנען אידעאַלע ייִדישע ווערטער, בין איך אָבער לחלוטין זיכער, אַז "סאַנד" און "סענדזשייע" טויגן ניט.
וואָס זשע איז דערפון געדרונגען?

אַז אויב מען וויל קלאָר ווערן מכּוח ווערטער און פאָרמען, צי זײ טויגן אונדז יאָ אָדער זײ טויגן אונדז נישט, איז ניט גענוג צו קאָנסטאַטירן, אַז זײ

זיינען במציאות, מען דארף זיי אנאליזירן. און וואס מער מיר וועלן זיך קענען אויפהייבן איבערן פרט, וואס מער מיר וועלן זיין בכוח דעם פרט וואס אינטערעסירט אונדז ארייננצושטעלן אין דער ברייטער רעם פון אונדזער אלגעמיינער באהאוונטקייט אין דער שפּראך, אלץ מער מעגן מיר זיך ריכטן צו קומען צו אויספירן וואס זאלן זיין ניט סתּם גערעדט, נאר איינגעפונדעוועט ווי ס׳געהער צו זיין.

צייטלינס פסק-דין רירט אן די אלגעמיינע פּראבלעם וועגן דייטשמעריש. דאס איז איינע פון די געציילטע גרונטפּראבלעמען פון יידיש -- א פּראבלעם וואס האט זיך נאך ערשט אוועקגעשטעלט. אויף צו פארענטפערן זי דארף מען האבן ניט נאר א סך דיסקוסיעס, נאר אויך א סך פארשונג. ווייט ניט אלץ איז שוין דא אויף אזוי פיל פעסט, אז מען זאל וועגן דעם קענען ריידן מיטן פולן מויל; אבער צוריק גערעדט ווייסן מיר שוין גענוג וועגן דעם ענין, אז מען זאל פּרוּוון קומען צו א שטיקל פארמולירינג. דאס וועט קאנקרעטיזירן די דיסקוסיע און גרינגער מאכן צו גיין פארויס.

איך ברענג מיין קוק מעשׂה טעזיסן, ווי ווייט מיגלעך בקיצור. דערביי בעט איך האבן אין זינען, אז איך רייד דאס מאל נאר וועגן ווערטער-אוצר, הגםלדייטשמעריזמען האבן זיך ארייננגעכאפּט אין אלע ספערעס פון דער יידישער שפּראך -- אין דער פאנעטיק, אין דער מארפאלאגיע, אין זאצנבוי ו.אז״וו. נאר ביי די ווערטער ווארפן זיי זיך צום מערסטן אין די אויגן, און דער ווערטער-אוצר איז אפשר טאקע דאס ערשטע אין אונדזער ארבעט צו שאפן די איינהייטלעכע יידישע קולטורשפּראך.

1. וואס דייטש איז, ווייסן מיר, וואס יידיש איז -- אויך. נאר וואס איז דייטשמעריש? דייטשמעריש איז שעטנוז; דאס זיינען אזוינע שפּראכיקע עלעמענטן וואס קומען פון דייטש און ווילן מאכן דעם אנשטעל פון יידיש; עלעמענטן, וואס אין דער אמתן זיינען זיי ניט קיין יידיש און ניט קיין דייטש (1). פארגלייכט צוויי זאצן: ״ער האט פיל געלייסטעט״ (מען לייענט אזוינס ברוך-השם גענוג אפט, איבערהויפּט אין די געהויבענע שרייבעכצן פון אונדזערע בלעטער) און ״ער האט היפּש אויפגעטאן.״ אי דא אי דארט, וועט אייך זאגן דער לינגוויסט, האבן מיר צו טון הויל מיט ״דייטשע״ עלעמענטן. נאר ווי דוכט זיך אייך, פאראן א נפקא-מינא צווישן דייטשמעריש און יידיש?

2. ווערטער וואס זיינען פאראן אינעם רב יידישע דיאלעקטן און זיינען אריין צו אונדז אין אן עלטערער טקופה פון יידיש זיינען כשר לכל-אדעות.

אומזיסט הייסט עס דער איראַניזירנדיקער חשד, אַז די פּוריסטן האָבן זיך פּאַרמאָסטן אַרויסצוּוואַרפן פון יידיש אַלע ווערטער וואָס קומען פון דייטש. דעם פּוריזם לאָמיר דאָ בעסער אין גאַנצן לאָזן צו רו: דאָס איז אַ באַגריף וואָס מען דאַרף אַרומריידן באַזונדער אויף צו דערקלערן זיך צו זיין תּוך. לאָמיר בעסער זאָגן "אַנטידייטשמעריסטן." די אַנטידייטשמעריסטן האַלטן ניט, אַז "טיש", "שטוב", "ערד", "הימל" זיינען פּסלע ווערטער. פאַראַן טאַקע אין דייטש אויך ווערטער וואָס קלינגען פּונקט אַזוי אָדער אין דעם ערך, אָבער פאַרט זיינען דאָס יידישע ווערטער. הייסט עס נישט אַלע ווערטער וואָס וואַקסן פון דייטש זיינען פּסול; עס ווענדט זיך, ווּ דער כמור שטייט.

3. מיר ווייסן שוין אַזוי פיל וועגן דער געשיכטע פון יידיש, אַז מיר קענען זאָגן מיט פיל-ווינציק זיכערקייט: די שפּראַך פון יידן אין דייטשלאַנד, אַפילו אין עלצטע צייטן, איז קיין מאָל ניט געווען אידענטיש מיט דער שפּראַך פון די דייטשן; "יידיש דייטש" איז אַלע מאָל געווען עפּעס אַנדערש ווי "קריסטלעך דייטש." אָבער דער קאָנטאַקט מיט דייטש האָט אָנגעהאַלטן לאַנג, שיעור ניט ביז אין אונדזער צייט אַריין. עס האָבן געשטראָמט צו אונדז דייטשע ווערטער פון פאַרשיידענע קוואַלן און אין פאַרשיידענע לאַגלען אַריין: צו די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אונדזערע, צו דעם אָדער יענעם יידישן דיאַלעקט. גייט הייסט עס אין געפינען קריטעריומס פאַר יענע דייטשע ווערטער וואָס זיינען אַריינגעקומען צו אונדז אין שפּעטיקערע טקופעס (נאָכן 16טן יאָרהונדערט, לאָמיר זאָגן) אָדער נאָר אין איינציקע מקומות.

4. דער סקאַרבאָווער גאַנג ביי אונדז איז צו באַשולדיקן די השׂכּלה, און די נעמען "דייטשן," "בערליטשיקעס" זאָגן עדות, אַז ס'איז ניט קיין שעקער-בלבול. אָבער די משׂכּילים זיינען ניט געווען די ערשטע. דייטש האָט געפּלייצט צו אונדז -- שוין לאַנג נאָך דעם ווי יידיש איז געוואָרן אַ שפּראַך פאַר זיך -- דורך די מוסר-ספרים וואָס מען האָט געדרוקט אין מערב-אייראָפּע, דורך די מלמדים וואָס זיינען געגאַנגען קיין דייטשלאַנד קנעלן, דורך די סוחרים וואָס זיינען געפאָרן אויף די לייפּסקער יאַרידן. דאָס נייס וואָס די השׂכּלה האָט אַריינגעטראָגן איז געווען אין צוויי זאַכן: זי האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די דייטשע עלעמענטן אין קאָמעס, און זי האָט געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר פאַר דער דייטשמעריזאַציע. מען דאַרף טאַקע אַרייננעמען וואָס מער דייטש, האָבן געהאַלטן די משׂכּילים, וואָרעם אויף אַזאַ אופן וועלן יידן זיך אָפּגעוויינען צו ביסלעך פון זייער "זשאַרגאָן" און צוקומען צו אַ לייטישן "טייץ". דער רש-המדברים פון דער דאָזיקער שיטע איז געווען אייזיק-מייער דיק. אָבער ווען מיר לאַכן און מיר

קרימען זיך לײַנענדיק דיקיס "ווערקע," טאָרן מיר ניט פֿאַרגעסן, אַז מענדל לעפֿין איז לאַנג ביז דיקן אַרויס אויף מלחמה קעגן דײַטשמעריש, אַז די השׂכּלה האָט אַרויסגעבראַכט אַזױנע מײַסטערס פֿון ייִדיש ווי פּערל, גאָטלאָבער, עטינגער, אַקסענפֿעלד, און אַז יהושע-מרדכי ליפֿשיץ און מענדעלע קומען אויך פֿון דער השׂכּלה, הגם זיי זײַנען זי אַריבערגעוואַקסן מיט אַ סך קעפּ.

5. נאָך מיט עפּעס מעג מען מלמד-זכות זײַן אויף דער השׂכּלה: די באַוועגונגען וואָס נאָך איר זײַנען אויך ניט געווען בעסער. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט אַרײַנגעבראַכט נײַע דײַטשע ווערטער אין די הונדערטער -- אויף אַזוי פֿיל, אַז פֿון טייל וועלן מיר שוין מיסתּמא קיין מאָל ניט פּטור ווערן: "אַנטוויקלונג", "באַוועגונג", "געזעלשאַפֿט", "געשיכטע", "פֿאַרזאַמלונג", "פֿאַרזיצנדער", "קאַמף", "שטרײַט" און נאָך און נאָך. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אונדז מזיקה געווען מיט אַ ספּעציפֿישן סאָרט ווערטער ("זידלונג", "לאַנדעס-אָרגאַניזאַטיע", "פֿערמאַנענץ-אויסשוס" און דאָס גלײַכן). אַפֿילו דער ייִדישיזם גופֿא האָט געגעבן צו שטײַער מיט "אונטעררײַכט"-שפּראַך, "שולוועזן" וכדומה.

איך דערמאָן זיך, אַז אין 1908 האָט אַן אַנאָנס אין לידסקיס אַ לוח אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז אין ניסן דאַרף אַרויסגיין אַ נײַ בוך פּרצעס: פֿאָלקסשטימלעכע געשיכטן." אויף אַזוי פֿיל איז דאָס וואָרט געווען פֿרעמד, אַז דער זעצער מיטן קאָרעקטאָר (און אפֿשר דער שרײַבער פֿון דער מודעה) האָבן דאָס פֿאַרבונדן מיטן שורש "שטים". הײַנט איז שווער צו געפֿינען אַ ייִדישיסט וואָס זאָל דאָס וואָרט ניט ניצן -- ניט דווקא ווען ער רעדט וועגן פּרצעס בוך. אָבער צי איז דאָס וואָרט געוואָרן אין גאַנצן ייִדיש? דאָס איז נאָך אַ שאלה. פֿאַר מיר איז עס נאָך אַלץ דײַטשמעריש, כאָטש קיינער וועט ניט פֿאַרלייגן צו בײַטן פּרצעס טיטל. אַט פֿלעגט דאָך פּרץ ניצן "שטאַט" אָנשטאָט "מלוכה", ער האָט געקענט שרײַבן "פֿעדערן" (פֿאָדערן) מיטן פּשט: 'אויפֿהייבן', 'פֿירן פֿאָרויס', 'מאַכן פּראָגרעסירן' -- און מיר טוען אים ניט נאָך. איך בין מער ניט גרייט נאָכצוגעבן, אַז מיר זאָלן דאָס וואָרט "פֿאָלקסטימלעך" דערווײַל לאָזן צו רו; כּל-זמן איבער אונדזער ים טראָגן זיך דײַטשמערישע וואָלפֿישן, מעגן מיר לאָזן געמאַך די פּלאָטקעלעך און אַפֿילו די העכט.

6. טייל דיאַלעקטן אונדזערע זײַנען ספּעציעל רײַך אין דײַטשע עלעמענטן. אָט די עלעמענטן וואַקסן פֿון פֿאַרשיידענע וואָרצלען. אין גרויס-פּוילן, זאַגלעמביע, קראָקעווער געגנט שפּירט מען נאָך באַשײַמפּערלעך רעשטן פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש -- פֿון יענעם ייִדיש וואָס מען האָט אַ מאָל גערעדט

אין דײַטשלאַנד און וואָס איז געוויינטלעך געווען אַ סך "דײַטשער" אײדער אונדזער ייִדיש אין מזרח-אײראָפּע. חוץ דעם געפינען זיך די אַנגערופענע דיאַלעקטישע גרופּעס (און אַזוי אויך קורלאַנד, מערב-ליטע) האָרט אויפן דײַטשן שפּראַכגרענעץ, האָט מען דאָ תּמיד געהאַט מער געלעגנהייט אַרײַנצונעמען דײַטשע ווערטער דירעקט פון די דײַטשע שכנים. אין לאָדזש און אין דער לאָדזשער סביבה איז דער דײַטשער יישוב אַלט סך-הכּל אַ הונדערט יאָר, אָבער פאַרט האָט דאָס כּסדרדיקע באַגעגענען זיך מיט דײַטשע אַרבעטערס און מײַסטערס געווירקט אויפן דאָרטיקן ייִדיש. (ייִדיש האָט צוריק משפּיע געווען אויפן דאָרטיקן דײַטש אויך, נאָר דאָס אַרט אונדז ניט בײַ דער איצטיקער טעמע). אין גאַליציע און בוקאָווינע איז די צאָל דײַטשן אַ קליינע, אָבער דײַטש איז געווען די מעכטיקע שפּראַך פון קולטור און פון דער אַדמיניסטראַציע, אין גאַליציע שיעור ניט ביז דער וועלט-מלחמה און אין בוקאָווינע, קען מען זאָגן, ביז היינטיקן טאָג. אפילו אין אַ ווילנע אָדער קאָוונע, ווּ בילדונג בײַ ייִדן איז ביז מיט אַ דור צוריק געווען צונויפגעקניפּט מיט דײַטש, ווּ גבֿרים און אינטעליגענטן פלעגן האַלטן דײַטשע גובערנאַנטקעס צו די קינדער, האָבן דײַטשע ווערטער זיך אַרײַנגעזאַפּט טיפער אין עולם אַרײַן. ווי אַזוי זשע זאָלן מיר זיך באַציען צו אַזוינע ייִדיש-דיאַלעקטישע עלעמענטן וואָס קומען פון דײַטש? פאַר מיר איז קלאָר: מעגן אַט די ווערטער פאַרן עולם פון דעם אָדער יענעם קאַנט האָבן דעם אַנבליק און דעם חן פון אמתע ייִדישע ווערטער, אָבער ווען זיי קלאַפּן אין דער טיר פון אונדזער קולטורעלער כּלל-שפּראַך, מוז מען זיי אויך נעמען אויפן פאַרהער און בודק זײַן. ס'איז אָבער גאָרניט קיין ספּעציעלע חומרא, ס'איז נאָר אַן אָפּלייקענונג פון אײַנגערעדטע פּריווילעגיעס; וואָרעם יעטווידער וואָרט פון יעטווידער דיאַלעקט איז דען אַ יחסן מיט זײַן דיאַלעקטישקייט אַליין?

7. דעם גרונטגעדאַנק וועגן אָפּגרענעצן ייִדיש פון דײַטש וואָלטן מיר געקאָנט אַרויסברענגען אַזוי: כּל-זמן ייִדיש איז געגאַנגען ווי עס גייט זיך, כּל-זמן עס איז ניט געווען בײַ ייִדן קיין טשוקע צו אַ קולטיווערטער כּלל-שפּראַך, איז קיין מאָל קיין שאַרפע מחיצה צווישן די ביידע שפּראַכן ניט געווען. עס איז געווען גיכער אַ דעמאַרק-ליניע ווי אַ גרענעץ. ווי באַלד מיר ווילן אויף אַן אמת פירן אײַגענע שפּראַכיקע באַלעבאַטישקייט, איז איצט געקומען די צײַט אײַנצושטעלן אַ פעסטן גרענעץ מיט אַלע סימנים פון אַ גרענעץ, און דער עיקר: מיט אַ שאַרפן גרענעץ-קאָנטראָל.

פאַר אַן ערשטן אָנהייב גיי איך דאָ איצטער אָוועקשטעלן אַכט כּללים פון אַנטידײַטשמעריש.

8. כּלל א׳: נישט יעדער וואָרט וואס גייט אום ביי א גרופּע יידן איז ממילא א גוט יידיש וואָרט.

וועגן דעם איז שוין געקומען צו רייד פריער אנטקעגן די ווערטער ״פּארריקט״ און ״אלזא״. אין פּרינציפּ וועלן געוויס אלע מודה זיין דערויף, אניט וואלט דאך געווען לית דין ולית דיין. פּראקטיש בלייבט די שאלה: וואסער וואָרט יא און וואסער ניט. וועגן דעם ריידן די ווייטערדיקע כּללים.

דערווייל נאר אויף איין פוס נאך וועגן ״אלזא״. עס איז ניט ריכטיק, אז ״בכן״ מוז האבן א קאמישן בייבאטייט, ווי א. צייטלין שרייבט. אבער ס׳איז אויך נישט ריכטיק, אז ״בכן״ איז דער איינציקער עקוויוואלענט פארן דייטשן ״אלסא״. מען קען אויך איבערגעבן דעם באגריף מיט ״ובכן״, ״ממילא״, ״הייסט עס״, ״אויף אזא אויפן״, ״אזוי״, ״אזוי ארום״, ״על כּן״, ״לכן״. טייל מאל קומט אויס זייער געראטן דער ספּעציפיש יידישער באנוץ פון ״איז״: ״איז זעען מיר פון די ראיות...״ הייסט עס פאראן קיין עין-הרע פון וואס צו קלייבן, מען דארף ניט אנקומען צו קיין דייטשמעריזם. און ווו שטייט עס געשריבן, אז מען מוז דווקא א י ב ע ר ז ע צ ן אז מען קען ניט די זאך א י ב ע ר ט ר א כ ט ן אויפן אייגענעם שטייגער? יעמאלט איז נאך פאראן די מיגלעכקייט צו בויען דעם זאץ אזוי -- דייטש קען דאס ניט --אז ער זאל זיך אנהייבן ניט מיטן סוביעקט, נאר מיטן פּרעדיקאט. א שטייגער דעם פּסוק בראשית 8,18 ״ויצא נח ובניו ואשתּו״ זעצט לוטער איבער ״אלזא גינג נאאה הערויס.״ יהואש אין יידיש קען זיך פארגינען דאס צו מאכן אנדערש: ״איז ארויסגעגאנגען נח...״

עפּעס דוכט זיך מיר, אז עמעצער זאגט: ״ס׳איז אן אנדער ניואנס!״ איי דער ניואנס, דער ניואנס! איך חלש, מען זאל אונדז טאקע געבן צו פארשטיין די אונטערשיידן אין די ניואנסן, ניט סתּם געבן א דערלאנג איבערן קאפּ מיטן טייערן פרעמדוואָרט...

9. כּלל ב׳: ניט יעדער וואָרט וואס איז פאראן ערגעץ אין א יידישן דיאלעקט איז ממילא אן עלעמענט פאר דער יידישער קולטורשפּראך. אייניקע דיאלעקט-ווערטער וואס זיינען אין דער זעלבער פארם פאראן אין דער נייהויכדייטשער שרייבשפּראך מוזן אויסן בלייבן פון דער יידישער כּלל-שפּראך.

דער פּונקט וועט מסתּמא ארויסרופן צום מערסטן וויכּוחים, ווארעם ער טרעפט אויך אין אזוינע פריינד, וואס יידיש איז ביי זיי נישט הפקר און זיי פלייסן זיך רייכער צו מאכן אונדזער קולטורשפּראך דורך ווערטער-אוצר פון אונדזערע דיאלעקטן. בדרך-כּלל איז דאס געוויס א גאלדענע גאנג,

אבער נישט אלץ וואס גלינצערט איז גאלד. אט זאגן קורלענדער יידן "בעהערדע" (בעהאערדע) אפילו אין זייער יידיש ריידן. אין גאליציע זאגט מען כּסדר "בליידי" (בלאעדע -- נאריש). אין ווילנע, אויב מען וויל זיך אויסדריקן ספּעציעל איידל, זאגט מען ניט "מאגער", נאר "מאגערר"; ניט "א דאנק", נאר "דאנקע"; מען זאגט דא מאסנווייז (און, ווי ס'אינפארמירט מיך נ. פּרילוצקי, איז דאס אייגענע אין טיילן קאנגרעס-פּוילן) "נאכער (נאכהער - דערנאך). פון דעסט וועגן פארהאף איך, אס קיינער וועט ניט פארלייגן אריינצונעמען אט די ווערטער "בעהערדע", "בליידי", "מאגערר", "דאנקע", "נאכער" אין אינדזער כּללישער שרייבשפּראך אריין. הײנט ווי באלד אזוי, איז מיט וואס איז בעסער "שטעץ", באשר מען זאגט עס אין וולאצלאוועק, אדער "פּעליק" באשר מען זאגט עס אין ווארשעווער געגנט? געוויס זאגן דאס אין יענע מקומות מענטשן פון א גאנץ יאר אויך, ס'איז ניט אין דער בחינה פון די אפענע דייטשמעריזמען "פּארריקט" און "אלזא", אבער פארן כּלל יידן איז דאס ניט וולאצלאווקער און ווארשעווער יידיש, נאר בערלינער און מינכענער דייטש. איך וואלט נאך געקאנט פארשטיין די עקשנות, ווען ס'זאל געווען גיין וועגן ווערטער וואס האבן ניט אין יידיש קיין עקוויוואלענטן. אבער מיט וואס האבן זיך פארזינדיקט "שטענדיק", "תּמידי", "אלע מאל", "אייביק" (אין טייל דיאלעקטן), "אלע יארן" און "אין גאנצן", "הויל", "דורכויס", "לחלוטין", "לגמרי" און אזוי ווייטער, אז מען זאל זיי דארפן פארבייטן אויף ווערטער, וואס פאר ניינציק יידן פון הונדערט האבן זיי דעם טעם פון דייטש? ניט מיר דארפן אזוינע ווערטער איבערנעמען ביי די צען פּראצענט, נאר יענע צען פּראצענט דארף זיך שייען צו ניצן די דאזיקע ווערטער אין די גערעדטער און געשריבענער קולטורשפּראך.

10. כּלל ג׳: ארכאיזמען וואס זיינען אין דער זעלבער פארם פאראן אין דער נייהויכדייטשער שרייבשפּראך מוזן אויסן בלייבן פון דער מאדערנער יידישער כּלל-שפּראך.

דער גאנצער ענין ארכאיזמען באדארף ארומגערעדט צו ווערן ברייטער; דא ריר איך אים אן נאר אויף וויפל ער איז דירעקט שייך צו אונדזער טעמע. ס'איז כּשר-וישר אזא ווארט ווי "נייערט" (דאס הייסט ניט, אז מען מוז עס ניצן נאר מען מעג). ס'קען אנגיין אזא ווארט ווי "באשיידלעד" (בפירוש, קלאר). איך האב זיך געמעכטיקט ביים איבערזעצן פרוידס "אריינפיר אין פּסיכאאנאליז" צו באנייען דעם אלטיידישן אויסדרוק "אפנוואר" (מאניפעסט) ווי א היפּך פון "פארבאהאלטן". אבער ווען איך זע, ווי נ. פּרילוצקי ברענגט מיט הנאה פון וויצענהויזענס תּנ"ך-איבערזעצונג "פון אלטערס הער", און עס איז פאראן א סכּנה, אז עמעצער זאל אננעמען דעם

ציטאט ווי א רעקאמענדאציע, ענטפער איך: פאר מיר איז דאס פשוט דייטש "וואן אלטערס הער", און ווען מען זאל דארפן דערויף ליטעראַרישע אויפווייזן, קען מען ארויסשרייבן פון א דייטשן ווערטערבוך ניט איין אויפווייז, נאר צען. אבער מען דארף גאר קיין אויפווייזן ניט, ווארעם ס'איז פון די גאר נייִקע דייטשע ווערטער. דעריבער איז עס ביי מיר פסול. איי עס שטייט דאך ביי א יידישן מחבר? האט עס ביי מיר די זעלבע ווערדע, ווי ווען מען וואלט געבראכט א ראיה, אז ביי דיקן שטייט "הייראטן", "דערב", "איינע שיינע באגעבנהייט", "באטריגן" און נאך אין דעם ערך.

.11כלל ד': מיין ניט אז דייטשע ווערטער זיינען שוין געקאשערט אין יידיש, אויב מע האט א קאפּ געביטן זייער אויסלייג און אויסשפּראך. דערצו מערניט עפּעס לדוגמא.

אינעם ערשטן נומער: "כאוואצעלעס די ראזע, א יידישער פאמיליען בלאטט, פאר אללע אוהבי ציון וירושלים, ערשיינט לעת-עתּה צוויי מאהל אים חודש," ירושלים 2 אייר (5)637 [16 אפּריל, 1877], גייט צום אנהייב: "פארווארט אדער פּראסט גירעט א הקדמא" און דארטן לייענען מיר אזא זאץ: "דיע פערשידענע מיני רפואות, וואס ווערין בענוצט צו דער היילונג פאן פערשידענע קערפּערליכע קראנקייטען ווערין איבערהויפּט צו טהיילט אף צוויי סארטען: אינערליכע אונד אויסערליכע; אדער טאקע פּראסט עוף יידעש גירעט 'אינווענדיגסטע און אויסווענדיגסטע.'" די שרייבונג פון די גוטע יידישע ווערטער איז דא נאך אויך א דייטשמערישע, אין יידיש איז דא קיין "נד" ניטא, אבער סארא פיינער געפיל פארן אונטערשייד צווישן דייטשמערישע און יידישע ווערטער! "איננערליכה" און "אעוסערליכה" קען מען ניט מעגייער זיין מיט דעם וואס מען פארייִדישט די אויסשפּראך פונעם אויסלאזטראף. איך נעם דאס דייטשע "אועבען", "אועבונג". פאראן ביי אונדז נאיווע מענטשן וואס מיינען, אז מיט איבערבייטן "אוע" אויף "איי" זיינען זיי יוצא. ס'איז עלעהיי אלטער יאקנעהאז וואלט איינעם פון די צוויי
בחורים וואס ער האט צונויפגעפירט אנגעטאן אויף גיך א מיידלש קליידל און געמיינט, אז איצטער קען ער שוין פירן דאס פּארל צו דער חופּה. ביי אונדז געפינען זיך אבער ריידערס און שרייבערס, אפילו יידישיסטן, אפילו לערערס פון אונדזערע יידישע שולן, וואס ווייסן גארניט אנדערש ווי "איבונג", "איבן זיך", "איינגעיבט" און דאס גלייכן. טאמער איז דאס ווינציק, האט מען זיך אפילו אויסגעלערנט "אויסיבן א דרוק", און איינער א חשובער יידישער כּלל-טוער וואס האט אין די יונגע יארן ניט געלערנט קיין דייטש (וואס קומט אים דערפאר?), ווערט נעבעך ניכשל דערביי און זאגט כּסדר: "אויסדריקן אן איבונג".

איך הער שוין א קשה: טא ווי אזוי ווילט איר? אין גרונט האלט איך ניט, אז איך בין מחויב צו ענטפערן דערויף; אויב איך זאג, אז א ווארט טויג ניט, מיינט עס נאר, אז מיר אלע אין איינעם מוזן זוכן עפּעס בעסערס. אבער לאזט זיך דינען: איך וויל "געניט" און אלץ וואס לאזט זיך דערפון ארויספירן. "געניט" זעט היינט אויס ווי אן אדיעקטיוו, אבער לכתּחילה איז דאס א פּארטיציפּ פונעם צייטווארט "געניטן זיך", וואס מיר באגעגענען עס אין אונדזער עלטערער ליטעראטור מיטן פּשט: 'זיך פלייסן', 'הארעווען', 'סיצה אועבען'. איך כאפּ ארויס אן עלטערן אויפוויז פונעם ספרל: "מעשׂה... וועשטינדיע" [פּראג, ארום 1660] ווּ מיר לייענען אויף ז' 12 וועגן איינעם וואס איז צוגעקומען צו א טיפן וואסער: "ער גניטט זיך פיל ביז אי ער דר דורך קאם." ביי גליקל האמיל באגעגנט זיך דאס היפּש מאל, און אין זיין ארבעט וועגן גליקלס שפּראך ברענגט א. לאנדוי אויך אן אויפוויז אויף דעם ווארט פון "מעשׂה-בוך". פון גרייווע, לעבן לאמזשע, האט ד"ר א. אלשוואנגער געדענקט א ווארט "איינניטן זיך", און אויף דעם סמך האט ער אין זיין איבערזעצונג פון יונג "דער קליינער געאמעטער" איינגעפירט "איינניטונג". (פארלאג "וואסטאק", בערלין 1921) דער גאנג איז מיר בשעתּו שטארק געפעלן, נאר ביי מיר איז אויסגעקומען, אז דאס דערמאנט צו שטארק אינעם זאכווארט "די ניט" (א טשוועקל וואס איז ברייט פון ביידע ברעגן, וואקסט היסטאריש פון אן אנדער ווארצעל ווי "געניט"), האב איך זיך אפּגעשטעלט אויף "געניטן זיך", "געניטונג": מען דארף זיך געניטן (אדער איינגעניטן), מען דארף דורכמאכן געניטונגען, כּדי צו ווערן געניט. דאס ווארט מיינס האט זיך נישקשה אנגענומען סיי ביי אונדז, סיי אין די לערנביכער פון אנדערע לענדער, און ס'איז א האפענונג, אז במהרה בימינו וועלן מיר קוקן אויף "איבונג" מיט דער זעלבער סימפּאטיע ווי מיר קוקן שוין היינט אויף "בעדירפניס", "פארדאמען", "פארזיצנדער", וכדומה.

12. כּלל ה': אויב די שורשים זיינען אפילו פאראן אין יידיש, קען מען ניט צוגעבן צו זיי קיין פּרעפיקסן אדער סופיקסן וואס זיינען אין יידיש ניטא.

דאס קען מען אפּמאכן בקיצור, מחמת מען דארף רעכענען אז עס זיינען ניטא ביי אונדז קיין צו פיל בעלנים צו שרייבן "דארשטעלן", "ריקצוג", "מאסנהאפט", "זארגפעלטיק", "שווייגזאם" וכדומה. -- טייל ענינים פארדערן א ספּעציעלע אויספארשונג, א שטייגער די פראגע וועגן די באציונגען צווישן די פּרעפיקסן "פאר-", "-פאר-", "פיר-".

13. כּלל ו': ניץ ניט קיין אפּשפּראצן פון דייטשע שורשים, אויב די שורשים גופא זיינען אין יידיש ניטא.

ווידער א מאל נאר געציילטע דוגמאות: היות מיר האבן ניט קיין צייטווארט ״סענדען״, קען ניט אנגיין אויף יידיש ״זענדונג״ אדער ״געזאנדטער״. טא ווי אזוי דען זאל מען זאגן? פשוט: מען דארף גיין מיטן זעלביקן וועג ווי אנדערע שפראכן און פורעמען אויך אזעלכע אפשפראצן פונעם יידישן שורש ״שיקן״, דהיינו: ״שיקונג״, ״געשיקטער״. ביים צווייטן ווארט וועט איר זיך אפשר פארהאקן, ס׳קוקט אויס פרעמדלעך. אבער באטראכט זיך נאר, אז דאס פראנצייזישע ״ענוויע״ וואס איז געווען די דוגמא פאר [נהג]״געסאנדטער״ איז אויך ניט מער ווי א פארטיציפ פון דער פארגאנגענער צייט. דאס פוילישע ״פאסעל״, דאס רוסישע ״פאסלאנניק״ זיינען מער קאמפליצירטע סובסטאנטיוון; איז אויב מען וויל דווקא עס זאל ביי אונדז אויך זיין מער קאמפליצירט, וואלט מען געקאנט קאנסטרוירן: ״דער שיקלינג״ מיטן סופיקס ״-לינג״, וואס ער איז נאך אין יידיש ניט אפגעשטארבן. איך רעקאמענדיר דאס ניט; מיין כוונה איז נאר צו ווייזן, אז ״געזאנדטער״ ווערט ניט יידיש פון דעם וואס מען שרייבט עס איבער מיט יידישע אותיות.

[נהג] ״ערפינדונג״ איז ניט קיין יידיש, און מיט דעם, וואס מען זאגט און שרייבט ״דערפינדונג״ פארריכט מען ניט די מערכה -- ניט נאר צוליב דעם פרעפיקס,נאר דער עיקר צוליב דעם שורש: אין יידיש, פון ברעג ביז ברעג יידישע שפראך-טעריטאריע, זאגט מען ניט [נהג] ״פינדען״, נאר ״געפינען״. אויב עס געפעלט אייך ניט ז. רייזענס ״אויסגעפינס״ (מיר געפעלט עס יא, א סך מער ווי ״אויסגעפינעכץ״), זוכט זייט מוחל ווייטער, אבער מאכט זיך ניט גרינג דאס לעבן דורך ארייננעמען אין אייערע רייד דאס דייטשע ווארט. געוויינט זיך צו צום געדאנק, אז ״א פיינע ערפינדונג״ האט פונקט אזא טעם אין יידיש, ווי ווען איר וואלט געזאגט: ״א פיינער ווינאלאזועק״ אדער ״א פיינע איזאברעטעניע״ אדער ״א פיינע אינווענשן״.

פון אזא ווארט ווי ״צעשטרייט״ דארף מען זיך אפטרייסלען מחמת אין יידיש איז דער שורש [נהג] ״סטרעוען״ ניטא(2). טא ווי אזוי? קלייבט זיך אויס: ״צעטראגן״, ״פארטראגן״, ״צעשאטן״, ״צעפלויגן״ (״א צעפלויגענער מלאך״). לייגט פאר עפעס בעסערס, נאר שטעלט ניט אוועק קיין פרעמדס, ווייל עס שטארצט ווי אן איבערביין.

14. כלל ז׳: ניץ ניט מיטן דייטשן פשט אזוינע ווערטער, וואס אין יידיש האבן זיי אן אנדער פשט. פארלאז זיך נישט דערביי בלינד אויף אונדזערע ווערטערביכער און אונדזערע שרייבערס.

מיר קומט תּמיד אויפן זינען די מעשׂה-שהיה מיט א דייטש וואס איז נאך דער דייטשער אקופּאציע געבליבן אין ווילנע און געווארן א לערער פון צייכענען אין אונדזערע שולן. איידער ער האט זיך אויסגעלערנט יידיש פלעגט ער ריידן צו די קינדער דייטש, און ווי עס איז האט מען אים פארשטאנען. איין מאל האבן אים די קינדער געמאלדן, אז אין קלאס זיינען ניטא גענוג בלייערס און מעקערס. האט ער א זאג געטאן אויף זיין לשון: ״נא, קינדער, דא מועססען וויר אונס עבען איינריכטען.״ -- און ער איז געווען פארחידושט, וואס דער גאנצער קלאס האט אנגעשאסן א געלעכטער. העט שפּעטער האט מען אים געגעבן צו פארשטיין, אז אויף יידיש איז ״איינריכטן זיך״ עפּעס אנדערש ווי ״איינארדענען זיך״.

"איינשטעלן״ מיינט אין יידיש: ׳אוועקשטעלן׳, ׳איינפירן׳״, ׳איינארדענען׳ (אחוץ וואס ס׳האט נאך א טייטש: ׳ריזיקירן׳). אין דייטש בעט זיך ביי [נהג] ״איינסטעללען״ קודם כּל דער פּשט: ׳איבעררייסן׳, ׳אפּשטעלן׳. אויף אזא אויפן קומט אויס, אז די קאמוניקאציע צווישן פּוילן און ליטע איז אין יידיש איינגעשטעלט געווארן פרילינג 1938 און אין דייטש מיט אכצן יאר פריער.

אויף אזוינע ווערטערשפּילן פון שפּראך צו שפּראך זיינען געבויט היפּש אנעקדאטן: א ייד א דארפסגייער לייגט פאר דעם דייטש צו קויפן עפּעס, דער פּריץ זאגט זיך אפּ. רופט זיך אפּ דער ייד: ״נו, אויב איר דארפט ניט ...״ ווערט דער דייטש אנגעצונדן, ווארעם אויף זיין לשון מיינט דאך דאס, אז ער ״טאר״ ניט.

אדער אזא צענע: א דייטשער דאקטאר וויל אויסהערן א יידישן חולה; ווייזט ער אים אן אויף דער קאנאפּע און זאגט: [נהג] ״ציעהען סיע זיך אוס.״ ענטפערט דער ייד: ״פריער וועל איך זיך אויסטון!״

דער אומגליק איז אבער, וואס אין דעם גרייז פאלט מען אריין גענוג אפט ניט אויף צו פלייסנס. אט האב איך אין ״יידיש פאר אלע״ באגעגנט עטלעכע מאל ״פארווענדן״ מיטן פּשט ׳ניצן׳. פאר מיין געפיל הייסט ״פארווענדן״ אין יידיש -- פונעם איינבינדערשן לשון -- מער ניט איין זאך: פארבייטן די קונטרסים. אמת טאקע, ביי הארקאווין און אפילו ביי ליפשיץ אין די ווערטערביכער זיינען געבוכט ביידע טייטשן, אבער דאס ווייזט מיר נאר, אז צו די ווערטערביכער דארף מען אויך צוגיין קריטיש. אפילו ביי ליפשיץ, וואס ער האט נישט צו זיך זיינס גלייכן, זיינען אויך פאראן פּגימות. און וואס שייך צו הארקאוויס אויסגעצייכנטן נייעם ״יידיש-ענגליש-העברעישן ווערטערבוך״ (ערשטע אויסגאבע 1925, צווייטע 1928), איז אזוי: הארקאווי האט אריינגענומען כּל המינע ווערטער וואס ער האט

באגעגנט אין דער שפּראַך, ניט צו קוקן דערויף, צי מען קען זיי רעקאָמענדירן צי ניט. אָט גיב איך אַ מיש האַרקאַווין אויף טראַף און געפין: ״אַטשערעדן״ (טווואָרט: ׳שטיין אין אַ ריי׳), ״דוואַריאַנסטווע״, ״דויען זיך״ (׳בלאָזן זיך׳), ״וואַרצאַדלע״ (׳שפּיגל׳), ״וויד״ (׳אויסזען; דאָקומענט׳), ״זונדערבאַר״ (׳מאָדנע׳), ״מעטקע״ (׳סימן׳) און אַזוי ווייטער. איז וואָס, דאָס זיינען אַלץ ווערטער פאַר דער יידישער קולטיוווירטער כּלל-שפּראַך אין דעם זכות פון האַרקאַוויס בוכונג?

נאָך איין משל. ביי האַרקאַווי געפינען מיר ״באַזוכן״ מיט צוויי טייטשן: א) ״קומען מיט אַ וויזיט״, ב) ״מאַכן אַ רעוויזיע, באַטאַפּן.״ אויף וויפל האַרקאַווי וויל פאַרפיקסירן דעם פאַקטישן ריידבאַנוץ, איז ער גערעכט, ״מען זאָגט״ טאַקע אַזוי. אָבער רעקאָמענדירן קען מען נאָר דעם באַנוץ מיטן צווייטן טייטש. דאָ קען דעם סניגור אַפילו ליפשיצעס זכות ניט ביישטיין; ליפשיץ גיט אין זיין יידיש-רוסישן ווערטערבוך מערניט דעם טייטש וואָס שטייט ביי האַרקאַווין אונטער 2, און אין רוסיש-יידישן ווערטערבוך זעצט ער איבער [ר.] ״פּאָסיעשיאַט״ מיט ׳זיין צו גאַסט׳, [ר.] ״פּאָסיעשעניע״ מיט ׳דער וויזיט׳.

דאָס אַליין איז גענוג אויף אַריינצולייגן אין חרם דאָס וואָרט ״פּאַרריקט״. אויב איר ווילט מאַכן אַ קאָמפּלימענט אייער גוטן-פריינד, קענט איר אויף אים זאָגן: ״משוגע״, ״מטורף״, ״חסר-דעה״, ״ניט ביים דעת״, ״ניט ביים קלאָרן זינען״, ״גערירט״, ״צעמישט״, ״דול״ -- אַדרבא, זאָלן די לייענערס אַריינשיקן נאָך עקוויוואַלענטן -- אָבער אַז ער איז ״פּאַרריקט״ (אין פּוילישן יידיש הערט זיך דער ״ו״ ווי אַן ״אי״-קלאַנג) קען מען ניט זאָגן. ביי ״פּאַררוקן״ קומט אַ יידן אויפן זינען דער טשאַלנט.

15. כּלל ח׳: בעסער אַן אינטערנאַציאָנאַליזם איידער אַ דייטשמעריש וואָרט.

אויב מיר האָבן ניט קיין היימישן עקוויוואַלענט פאַר [נהג] ״עמפּפעהלען״, דאַרפן מיר ניט בלית-ברירה ״עמפּפעהלען,״ נאָר מיר דאַרפן ר ע ק אָ מ ע נ ד י ר ן.
אַגב אין טייל פאַלן איז זייער אַ גוט וואָרט נ אָ ר י ע ן און מיר דאַרפן ניט מורא האָבן, וואָס עס קומט צו אונדז פון סלאַוויש. לאָמיר ברענגען אַן אויפוויז פון מענדעלען, ״מיין לעבן״, יובֿ[ילי] אויסג[אַבע] יט ז׳ 32: ״מילא אַ נאָמען, דאָס איז פון די קלייניקייטן, מען גיט עס אומזיסט. אָבער ׳טעג׳, נאַרייען אַ פּריץ טעג צו עסן -- דאָס איז שוין אַן עסק.״ פּרוּווט אַדרבא צוקלייבן דוגמות און דעפינירן, ווען מען קען יאָ פאַרבייטן ר ע ק אָ מ ע נ ד י

ר ן דורך נ א ר יי ע ן און ווען ניט. דאס איז א פיין ברעקעלע שפּראַך-פּסיכאלאגיע.

דאס אייגענע: אנשטאט דער הילצערנער "באראטונגס-שטעלע" מוזן מיר זאגן "קאנסולטאציע", ביז וואנען א שעפערישער מענטש וועט שאפן עפּעס בעסערס.

אויב עס געפעלט אייך ניט "אכטגעבונג", איז דאס נאך אלץ ניט קיין הכשר אויף "באאבאכטונג", מחמת ס'איז ביי אייך נאך אלץ די ברירה צו ניצן "אבסערוואציע".

ווי באלד מיר האבן ניט אין יידיש [נהג] "באטע" און "באטשאפט", קען ניט געמאלט זיין "באטשאפטער". אגב ביי אזא מין ווינציק יידיש ענין איז ווי אנגעמאסטן דער אינטערנאציאנאלער טערמין "אמבאסאדאר" -- סיידן איר וועט צוקלערן עפּעס בעסערס.

16. די אונטערשטע שורה:

ניטא נאך אזא שׂונא פון א קארעקטן, געשמאקן, פּינקטלעכן, יידישן כּלל-יידיש ווי דייטשמעריש. די נאטירלעכע טענדענץ אין דער אנטוויקלונג פון דער שפּראך פון די אשכּנזישע יידן איז פון דער השׂכּלה אן געווען:
אוועקגיין פון דייטש, שאפן אייגנס; און ספּעציעל בולט זעט זיך דאס ארויס ביי יענעם צווייג יידיש וואס איז בייגעשטאנען די שטורעמס -- ביי יידיש אין מזרח-אייראפּע. נאר די דאזיקע נאטירלעכע טענדענץ פלעגט פארשטערט ווערן דורך דייטשמערישע שטראמען וואס האבן געפלייצט פון פארשיידענע זייטן. איצטער, ווען מיר זיינען געקומען צו ד ע ר ק ע נ ע ן די קולטורעלע און שפּראכיקע כּוחות אונדזערע, ווען מיר גייען צו וו י ס י ק און מיט ל י ב ש א פ ט צו אונדזער כּללישער קולטורשפּראך, מוז יעטווידער שפּראכיקער עלעמענט אדורכגיין א קאראנטין. און ניטא קיין כּל דכפין:
עס טאר נישט געמאלט זיין, אז אויב עמעצער האט זיך אויסגעלערנט א ניי דייטש ווארט פון א דייטשן ביכל צי פון אן ארטיקל אין א יידישער צייטונג, אדער אויב אפילו מען האט עס געפונען אין א יידישן דיאלעקט צי אין אן אלטיידישן טעקסט, זאל מען דאס באלד קענען אריינפירן אין קהל. א ווארט בכּלל, און על אחת-כּמה-וכמא א נייהויכדייטש ווארט, דארף אויפווייזן זיינע רעכט אריינצוקומען אין אונדזער כּלל-שפּראך אריין, דארף דערווייזן, אז עס האט קרובים ביי אונדז, וואס נעמען עס אריין אין דער משפּחה. זיין פּשוט א "נכתּב" אין א ווערטערבוך, אין א טעקסט, איז ווינציק. פּאר א "פּרעקלוזיע" ביים אריינגעמען דייטשמעריזמען אין דער

כלל-שפּראַך וואָלט איך אָנגענומען מענדעלע מוכר ספרימס ווערק. מענדעלע איז געגנוג גרויס ביי אונדז, אַז דאַרטן, וווּ ער איז אַ ירשפּרעכער, זאָלן מיר דאָן זיין דאַן לעקאַף-זכות. אויב אָבער אַ דייטשמעריזם איז געקומען שפּעטער, זאָל ער מוחל זיין אויפוויזן זיינע זכויות. אַ שטיקל איינזעעניש וועלן מיר דערביי דאַרפן האָבן מיט ווערטער פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, כּל-זמן מיר קענען זיי ניט פאַרבייטן אויף קיין בעסערע. אָבער בודק זיין מוזן מיר די קאַטעגאָריע ווערטער אויך, וואָרעם די וואָס האָבן אונדז דערמיט מזכּה געווען זיינען טייל מאָל אַליין געווען אויף שפּראַך קנאַפּע מבינים. אויף דער הייסער מינוט האָבן זיי געמוזט טראַכטן מער וועגן דעם ע נ י ן ווי וועגן דעם וו אָ ר ט; אָבער איצטער, אַז דעם ענין ווייסן שוין יידן, זיינען מיר שוין אויף אַזוי וויל אויסגעוואַקסן, אַז טראַכטן וועגן דעם וואָרט איז שוין מער אויך ניט קיין לוקסוס. מער ווי דאָס: עס איז גאָר נייטיק פאַר דעם זעלביקן כּלל-ענין, וואָס פון זיינט וועגן טוען די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען.

17. נאָך איין וואָרט צוצוהעלפן די אַפּאָנענטן. ווינציקער ווי אַלץ בין איך אויסן צו פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר שפּראַכיקע אויפטוען דורך אָפּפרעגן יעטווידער נייס. אַדרבא, אין איר איצטיקער סטאַדיע נייטיקט זיך אונדזער שפּראַך אין אויפטועריש חידושים אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער. איך וויל אָבער אַ פּ ש אַ צ ן די נייסן וואָס מען טראָגט אונדז אונטער, און איך וויל אויסגעפינען אין יעטווידער איינציקן פאַל, צי דער חידוש נעמט זיך פון ניט וויסן די נאָרמע (יעמאָלט איז דאָס אַ נעגאַטיווער פאַקט), אָדער ס׳איז אַן אַקט פון שעפערישקייט -- יעמאָלט וועל איך בענטשן דעם אויפטוער. וואָס שייך צום אַריינברענגען דייטשמעריזמען אין יידיש, איז דאָס אַלע מאָל אַן אַקט פון שפּראַכיקער אימפּאָטענץ; קיין שום שעפערישקייט איז דאָ ניטאָ.

הערות פון מחבר

(1) נאָך אין 1912 האָט ש. ניגער אין זיין אַרטיקל: ״דייטשמעריש״ אין ווילנער ״לעבן און וויסנשאַפט״ נומ׳ 11-12 זז׳ 49-55 געשריבן: ״דייטשמעריש אָדער באַרדיטשעווער דייטש איז אַ לשון וואָס איז ניט דייטש און ניט יידיש,״ דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן אַרטיקל דאַרף מען נאָך היינט לייענען און איבערלייענען, כאָטש טייל טעזיסן זיינע וואָלט געוויס דער מחבר גופא היינט פאָרמולירט אַנדערש.

(2) אַגב איז משמעות ״זערסטרעוט״ אין דייטש גופא מיט דעם פשט אויך אַ פּראָדוקט סך-הכּל פון 18טן י״ה, געפורעמט אונטער דער השפּעה פון פראַנצ׳ ״דיסטראַיט״. לעסינג האָט געשריבן 1767 אין זיין ״דער

האמבורגיסצהע דראמאטורגיע״ : ״איך גלאובע שווערליך, דאסס אונזערע גראססוואעטער דען דויטשען טיטעל דיעסעס סטועקס [דער זערסטרעוטע] ווערסטאנדען העטען. נאך שלעגעל איבערזעצט ״דיסטרייט״ דורך טראעומער. ״זערסטרויט זיין״, איין "זערסטרויטער״ איסט לעדיגליך נאך דער אנאלאגיע דעס פראנזאעזישען געמאכט.

" *יידיש פאר אלע״ 4 (יוני 1938) זז״ 97-106